**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 17 טוישנדע פראיעקטןאויף לאנג איילענדאלס טייל פון די דאונטאון איבערפלאנצונג באנייונג און NY פאראויס פראגראמען**

***$19 מיליאן צו פאנדן 17 פראיעקטן אין האנטינגטאן סטאנציע, סיטי און לאנג ביטש און ווילעדש און לינדענהערסט***

***געמאלענע בילדער פון דעם פראיעקט'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן סך הכל פון 17 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר לאנג איילענד אלס טייל פון צוויי עקאנאמישע דעוועלאפמענט פראגראמען:די שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward. זעקס פראיעקטן זענען געמאלדן געווארן פאר די ווילעדזש פון האנטינגטאן סיטי, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלערדיגע DRI געלט באלוינונג; פיר פראיקעטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די סיטי פון לאנג ביטש, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מילאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג; און זיבן פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר די ווילעדזש פון לינדענהערסט, אויך א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלערדיגע NY Forward געלט באלוינונג.

"די שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward, מיר אינוועסטירן אין ניו יארק'ס דאונטאונס - די הארץ פון אונזערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראיעקטן וועלן העלפן האנטינגטאן סטאנציע, לאנגג ביטש, און לינדענהערסט זיך נאכאמאל פארשטעלן זייער דאונטאונס צו פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט פאר זייערע איינוואוינער, ברענגען באזוכער, און אויפעפענען עקאנאמישע געלעגנהייטן דורכאויס די קאמיוניטיס פאר די קומענדיגע דורות."

**שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (DRI)**
האנטינגטאן סטאנציע האט באקומען דעם נאמעןלאנג איילענד'ס געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט צענטער אינציאטיוו אין 2023. די זעקס אויסגעוועלטע פראיעקטן זוכן צו געבן מער הייזער, פארבעסערן פאבליק צוזאמקום ערטער, און פארמערן פיסגייער פארבינדונג לענגאויס ניו יארק אוועניו דרום פון די LIRR וויטער צו שטיצן די גיין-מיט-די-פיס קולטור און שפיר פון קאמיוניטי.

די טאון און אירע פארן זענען פאראויס נייע רעשיגע אויסגעמישט-באנוצטע בנינים, א צענטראלע פארק און פאבליק ארט, קאלירפולע פיסגייער-פרידליכע דורכגיי פלעצער, די פארמינערונג פון העכער'ן-ערד יוטיליטי ליינס, ביציקל זיכערהייט פארבעסערונגען, נייע ביימער איינגעפלאנצט דורכאויס די געגנט, ארייננגעמישטע אינפארמאציע-פולע און זיכערהייט קיאסקס און בעסער אויסזעענדע דרויסנדיגע חלקים פון עקזיסטירנדע בנינים, אלעס וואס וועט ברענגען מענטשן צו די דאונטאון. די פאברעצירונג פון עלעגאנטע צופרידנשטעלנדע פארקלעטס לענגאויס דעם געגנט וועט פארשאפן געלעגנהייטן פאר מענטשן זיך צאמצוקומען מיט זייערע שכנים און הנאה האבן פון די פילע בענעפיטן פון גרינע פלעצער.

נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע נוצן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו ארייננבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן צו לאנג איילענד. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצרט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, ווי צום ביישפיל דאס פארשטערקערן די שטאט'ס אייגנארטיגע געפיהל מיט אן אמת'ע, אויטענטישע ערפארונג וואס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אליין און שטיצן אנטוויקלונג וואס נעמט יעדן אריין בשעת'ן ארומנעמען איר שטארקע העריטעדזש און אפשטאמיגע פארשידנארטיגקייט.

האנטינגטאן סטאנציע האט זיך פאראייניגט מיט די קאמיוניטיס פון וועסטבערי, היקסוויל, סענטרעל איסליפ, באלדווין, אמיטיוויל און ריווערהעד, וועלכע זענען שוין לאנג איילענד'ס געווינסן אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

**<u>די האנטינגטאן סטאנציע DRI פראיעקטן, וואס קומט צו 9.7$ מיליאן, ענטהאלט:</u>**

**רידעוועלאפ סאוטגעיט ביליגע רענטל האוזינג רידעוועלאפמענט ביי 1268-1264 New York Avenue (ניו יארק עווענוי) (2,000,000$)**
די פראיעקט נעמט אריין די צונעמען פון עקזיסטירנדע בנינים און די איבערבויונג פון די סייט צו א געמישטן-באנוץ, דריי שטאקיגע בנין. די נייע בנין וועט געבן ניי קעמערשל סייטס אויף די ערשטע שטאק און דירות אויף די צווייטע און דריטע שטאק.

**פארוואנדל New York Avenue 1328 (ניו יארק עווענוי) צו די קאנקארד געמישטן-באנוץ דעוועלאפמענט (1,087,000$)**
די פראיעקט וועט פארוואנדלען א סייט וואס מען האט נישט גוט אויסגענוצט צו צווי דריי שטאקיגע געמישטן-באנוץ בנינים וואס ענטהאלט ארבעטפארס הייזער און ריטעיל פלאץ. די דעוועלאפמענט וועט ענטהאלטן יוניטס פאר איינוואוינער, באקוועמע ערטער פאר איינוואוינער, און קעמערשל פלאץ.

**עפנט נייע אפענע פלאץ און שפיל ערטער ביי די האנטינגטאן פאבליק לייברערי סטאנציע אפטיילונג (536,000$)**
די פראיעקט וועט איבערארבעטן א פארציע פון טאון פראפערטי, וואס איז לאקירט קעגן איבער די LIRR סטאנציע און אריין אין א חלקים פון די דרום פארקינג לאט, צו א שיינע און אנגענעמע פיסגייער ארט און זיץ ארט. די נייע פיסגייער ארט וועט זיך אויסשפרייטן אויף דרום פון די LIRR סטאנציע צו ניו יארק עוויניו, גרענעצנדיג ביי צפון פון די אינטערסעקשין פון ניו יארק עוויניו און איסט 2ענד סטריט.

**אימפלעמענטירן ניו יארק אוועניו גאס אויסזע פארבעבעסערונג ($4,675,000)**
די פראיעקט וועט אימפלעמענטירן שטראזן און פיסגייער פארבעסערונגען לענגאויס ניו יארק עוועניו צווישן דיפאו ראוד און 9ט סטריט (11ט סטריט אויב די געלטער ערלויבן) צו פארבעסערן דאס גיין אויפ'ן גאס, זיכערהייט און שיינקייט.

**אימפלעמענטירן קליינע ביזנעס פארנט און איבערבויאונג גרענט געלטער ($600,000)**
די טאון פון האנטינגטאן עקאנאמישע דעוועלאפמענט פארוואלטונג וועט אראפשטעלן א גרענט פאנד ארויסצוהעלפן קליינע ביזנעסער מיט'ן (נאכאמאל)אינוועסטירן אין זייער קעמערשל פלאץ אין די DRI געגנט. די גרענט וועט געבן געלט פאר דרויסנדיגע איבערבויען ארייננגערעכנט: שילדן/אנינגס, פענסטער, ארייגאנג/פארטשעס, טירן, לעקטער, פארב און דרויסנדיגע חלקים/סיידינגס. די טאון וועט אראפשטעלן דעזיין אנווייזונגען פאר די גרענט פאנד.

**בויען פיסגייער וועגן פארבעסערונגען פארבינדט צו LIRR סטאנציע ($802,000)**
די פראיעקט וועט איבעראבעטן א פארציע פון די פארקינג לאט פון די LIRR סטאנציע און אריין אין א חלקים פון די דרום פארקינג לאט, צו געבן א שיינע און אנגענעמע פיסגייער ארט און זיץ ארט. די פיסגייער וועג פארבינדט די LIRR סטאנציע צו ניו יארק עוועניו.

**NY Forward**
ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY פאראויס אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער גלעגנהייטן צו לאנג איילענד.

<u>**די פירלאנג ביטשNY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**</u>

**איבערדעזיינען קענעדי פלאזא ($2,150,000)**
איבערבויאונגען פון די ציווילע פלאץ פון קענעדי פלאזא און די ערטער וואס נעמען עס ארום דורכ'ן נוצן א קאמבינאציע פון ערבן דעזיין באשטאנדטיילן ווי פלאסטערן מוסטערן, לאנדסקעיפינג, וועיפיינדינג, לעקטערס, און פארבעסערטע פיסגייער אריבערגיי-ערטער.

**פארבעסערן די אויסזע פון די גאס און פיסגייער סטאנדארטן ($1,209,000)**
אימפלעמענטירונגען פון א צוויי-חלק פראיעקט אויסצובעסערן דאס גיין אויפ'ן גאס און פיסגייער זיכערהייט דורכ'ן פארבעסערן סיידוואקס, אריבערגיי ערטער, און די פאבליק סטאנדארטן בכלל, מיט'ן ספעציעל ארבעטן אויף די טרעין סטעישן געגנט.

**נייע קאמערשל בנין מיט שפיל פלאץ ($941,000)**
ערהוילונג פון א שמוציגע סייט און איבערבויאונג פון א נייע קעמערשל בנין מיט פיר ריטעיל פלעצער אויף די ערשטע שטאק און שפיל ערטער אויף די צווייטע שטאק.

**פארוואנדל פינף איין-פימיליע הייזער צו צוויי-פאמיליע ($200,000)**
איבעראבעטונג פון פינף איין-פימיליע הייזער צו צוויי-פאמיליע הייזער מיט ארבעטפארס האוזינג באשטאנדטיילן צו פארמערן די סופליי פון ביליגע הייזער אין די נארט פארק געגנטער.

**די סעוועון לינדערסאן NY Forward פראיעקטן, פאר א סך הכל פון 4.5 מיליאן דאלער, רעכנט אריין:**

**אויסשפרייטן און פארבעסערן ווילעדש סקווער אלס א צעטראל פון דאונטאון אקטיוויטעט ($2,300,000)**
אויסשפרייטן און איבערדעזיינען ווילעדש סקווער צו געבן א צענטראלן ארט פאר דאונטאון מסיבות, מיט פארגרעסערטע פאבליק פלאץ, א בענדשעל סטרוקטור און פארבעסערטע לוקזוריעס.

**איבערבויען און אויסשפרייטן די BACCA ארטס צענטער בנין אויף נארט וועלוואד עוועניו ($90,000)**
איבערבויען די BACCA פילע-באנוצן ארטס צענטער, אריינגערעכנט די אינעווייניג און דרויסנדיגע אויסקוק פארבעסערונגען און ארויסבויען פון הינטן צו מאכן מער ריהערסל און חזרה פלעצער.

**מאכן די לינדענהערסט גרינוועג ($639,000)**
מאכן א גרינוועג/גיין טרעיל בעסער צו פארבינדן ווילעדש פארק צו די LIRR סטאנציע, אלס די ערשטע פאזע פון א לענגערע-טערמין גרינוועג נעץ. דאס וועט ענטהאלטן פארבעסערן פיסגייער אינפעסטרוקטור און אויסשפרייטן וועגן צו גיין דורך די העלינג באלעווארד מידיען און די קאמיוטער פארקינג לאט לענגאויס דעם קוואל.

**אראפשטעלן א קליינע פראיעקט פאנד צו העלפן לאקאלע ביזנעסער ($300,000)**
שאפן א פאנד צו העלפן קליינע ביזנעסער און פראפערטי אייגנטומער צו מאכן בעסער זייערע פראפערטיס. געלטער קען אויך ווערן גענוצט פאר אינעווייניג/דרויסנדיגע איבערבויאונגען, גרויסע געצייג, פאבליק ארט, אינוואליד צוטריט און גרינע בנין מעסטונגען.

**פארבעסערן די אויסזע פון גאס פאר פיסגייער מיט'ן ספעציעל ארבעטן אויף האפפמען און וועלוואד עווניוס ($765,000)**
ענדיגן די אויסזע פון גאס פארבעסערונגען לענגאויס האפפמען און וועלוואד עווניוס צו פארבעסערן פיסגייער זיכערהייט, פאבינדונג און שיינקייט בכלל.

**פארבעסערן דרויסנדיגע חלק פון [North Wellwood Avenue 101-109 (נארט וועלוואד עוועניו)] ($322,000)**
פארשענערן די דרויסנדיגע אויסזע פון א גרויסע בנין ביים עק פון די האפמען-וועלוואד אינטערסעקשן, אריינגערעכנט איבערמאכן דעם פארנט און פארבעסערונגען אזויווי פענסטערס, קרוין מאלדינגס און פארנט פון געשעפטן.

**פארבעסערן דרויסנדיגע חלקים פון געשעפטן ביי [South Wellwood Avenue 201-197 (דרום וועלוואַד עוועניו)] ($84,000)**
אפטעיט און פארשענערן די פארנט פון א פיר-יוניט בנין צו שאפן א מער פאראייניגע אויסזע וואס גיבט צו די קוואליטעט פון די סאוט וועלוואד עוועניו אויסזע פון גאס.

**עקטינג ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ברענדען סי. האגהעס האט געזאגט,** "די פראיעקטן אין האטינגטאן סטאנציע, לאנג ביטש און לינדענהערסט זענען געווארן שטארק אידענטיפיצירט דורך קימיוניטי מעמבערס צו פארבעסערן זייער וויזיע פאר אויפלעבונג. פון איבערנוצן אלטע בנינים אלס קאמיונעטי געהילפן און כל מיני האוזינג, צו פארבעסערן דאס גיין און צו שאפן מער פאבליק צוזאמקום ערטער, די פראיעקטן וועלן פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט פאר עקזיסטירנדע איינוואוינער בשעת'ן ברענגען נייע איינוואוינער רופן די גינסטיגע קאמיוניטיס היים."

**עמפייער דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמיסיענער האופ נייט האט געזאגט,** "די DRI און NY פאראויס פראגראמען זענען א הכי תמצא פאר פאזיטיווע טוישונגען, אריינאטעמענדיג נייע לעבן אין די לאנג איילענד דאונטאונס. די אינוועסטמענטס אין האנטינגטאן סטאנציע, לאנג ביטש, און לינדענהערסט וועט צוברענגען וואוקס פון אינעוויייניג און וועט שאפן לעבעדיגע פלעצער וואס נעמען אריין די ראיאן'ס רייכע העריטעדזש און אויסוואל. די טראנספארמירנדע פראיעקטן לעבן נישט נאר אויף די פיזישע לענדסקעיפ נאר אויך עפענען טירן פארנייע געלעגנהייטן, פארשטערקערן די עקענאמישע סחורה פון לאנג איילענד פאר די קומענדיגע דורות."

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמיסיניער רוטאנן וויסנאסקעס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט נעמט די פירערשאפט אין געבן קראפט פאר קאמיוניטיס אריינגערעכנט קאהאוס, קעמברידש, קאקסעקי, און קינדערהוק אויפצוקומען מיט און צו פאנדן זייער אייגענע אינערהאלבן עקענאמישע וואוקס מעגליכקייט. די ברייטע אויסוואל פון פראיעקטן גייען פון איבערבויען א פייער-געשאדטע וואוינונג געביידע צו שאפן נייע ארטיסטס' האוזינג. מזל טוב צו די באלוינטע און א דאנק גאווערנער האקול'ס מאכטפולע כוחות פאר די האוזינג קאמיוניטי באנייאונג ארויפצוארבעטן הויזונג פראדוקציע און פרעזערוואציע פאר די טובה פון אלע ניו יארקער, וועלן מיר מיטהאלטן מער ארויפארבעטונגען מיט ערד-ברעכונגען און "ריבן קאטינג" און מער גוטע קוואליטעט הייזער אין דעם נאנטן צוקומפט. יעדע היים מאכט א גרויסע, גרויסע חלק."

**LIREDC קא-טשעירס לינדע ארמין, פרעזידענט און CEO ביי בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און דר. דזשאן נאדאר, פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, האט געזאגט,** "די DRI און NY פאראויס פראיעקטן באלוינונגען פארוואנדלען לאנג איילענד'ס קאמיוניטיס דורכ'ן סטראטעגיש אינוועסטירן אין פראיעקטן געלאזט וויסן דורך יעדע לאקאל'ס אייגנארטיגע וויזיע און צילן. דורכ'ן שטיצן נוצבארע פלאנען וואס ביידע, וואונטשן און בויען אויף די קאראקטער שטריכן פון יעדע געגנט, די ערד-ברעכנדע באנייאונגען וועלן מאכן א כוואליע עפעקט פון עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייטן דורכאויס דעם ראיאן. מיר קוקן ארויס אויף צו זען די גרויסע טוישונגען וואס די פראיעקטן וועלן ברענגען."

**סטעיט סעניטער מאניקע ר. מארטינעז האט געזאגט,**"ווען מיר אינוועסטירן אין אונזערע דאונטאונס, אינוועסטירן מיר אין די סחורה און די נפשות פון אונזערע קאמיוניטיס. די זיבן פראיעקטן וואס ווערן געפאנדעט אין די ווילידש פון לינדענהערסט וועלן נישט נאר איבערבויען די הערליכע ביזנעס דיסטריקט, נאר וועלן אויך אריינבלאזן א פרישקייט.א דאנק פאר די דעפארטמענט אוו סטעיט, די דאונטאון אויפבליאונג באנייאונג, NY פאראויס, און גאווערנער האקול פאר'ן שטיצן פראיעקטן דורכאויס לאנג איילענד, אריינגערעכנט די ווילעדש פון לינדענהערסט."

**סיטי אוו לאנג ביטש מענעדשער דעניל קרעיטאן האט געזאגט,** "איך וואלט געוואלט באדאנקען גאווערנער האקול, די דעפארטמענט אוו סטעיט, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די לאנג איילענד רידשענעל עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאולסל פאר זייער אנערקענונג אין די געברויכן פון אונזערע צומען אינזל קאמיוניטי. א דאנק זייער שווערע ארבעט, וועט די אינוועסטמענט העלפן אריבערפירן אונזער צענטראלע ביזנעס דיסטריקט צו א מער לעבעדיגע און בליענדע עקאנאמישע ארבעטספלאץ פאר די ראיאן."

**ווילעדש אוו לינדענהערסט מעיאר מייקל א. לאווארעטא האט געזאגט,** "מיר זענען טיף דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר ענדלאזע שטיצע און געטריישאפט צו די אויפלעבונג פון די ווילעדש פון לינדענהערסט. איבער די לעצטע פינף יאר, איז די ווילעדש פון לינדענהערסט אריבערגעגאנגען א טראנספארמאטיווע אויפבליאונג. די נייע טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלן מער אריינבלאזן א נייע

לעבנסקראפט אין אונזער קאמיוניטי, צוברענגענדיג עקאנאמישע וואוקס און פארבעסערנדיג די לעבנס קוואליטעט פון אונזערע איינוואוינער. מיר וואלטן אויך געוואלט באדאנקען די דעפארטמענט אוו סטעיט, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די לאנג איילענד רידשענעל עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאונסל. מיר קוקן ארויס צו די פאזיטיווע ווירקונג וואס די באנייאונגען וועט האבן אויף לינדענהערסט."

**טאון אוו האנטינגטאן סופערוויזער עד סמיטה האט געזאגט,** "אין נאמען פון די טאון פון האנטינגטאן וואלט איך געוואלט באדאנקען די גאווערמענט'ס אפיס, די דעפארטמענט אוו סטעיט, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און די לאנג איילענד רידשענעל עקאנאמישע דעוועלאפמענט פאר זייער ברייטע דאונטאון אויפבליאונג באנייונג באלוינונג, וואס וועט געבן פאר די איבערפלאנצונג פון האנטינגטאן סטאנציע'ס ניו יארק עוועניו ביזנעס דיסטריקט. מיט די באלוינונג, וועט אונז זיין מעגליך איבערצומאכן האנטינגטאן סטאנציע צו א לעבעדיגע קאמיוניטי וואס מיר ווייסן עס קען ווען זיין, און איך קוק ארויס אויף צו ארבעטן מיט די סטעיט דאס צו ערגרייכן."

DRI און NY Forward קאמיוניטיס זענען אויפגעקומען מיט סטראטעגישע איינפירונג פלענער (Strategic Implementation Plan, SIP) וואס שטעלט אוועק א חזון פאר די צוקונפט פון זייער שטאט-צענטער און אידענטיפיצירט און רעקאמענדירט א שורה פון ערגענצנדע, טראנספארמאטיווע און אויספירבארע פראיעקטן וואס שטיצן דעם חזון. די oSIP זענען געפירט דורך די לאקאלע פלאן קאמיטעי (Local Planning Committee, LPC) וואס באשטייט פון לאקאל און ראיאנישע פירער, סטעיקהאלדערס, און קאמיוניטי רעפריזענטעטיווס, מיט די הילף פון איינעם זיך צו באראטן אין DOS שטאב, אלע פון די טוען טיפע קאמיוניטי ווייט גרייכונג און פארבינדונג ווען זיי באשליסן אויף פראיעקטן.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט- מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority) — די DRI און ניו יארק פאראויס רעפריזענטירט א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג. ביידע פראגראמען שאפן א וויכטיגע שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באריכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטארקט קוואליטעט פון לעבן, פארשפרייט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג, און ערגרייכט די סטעיט'ס שטארקע קלימאט צילן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צווי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג לעצטע יאר פון $100 מיליאן באזונדער פאר די דאונטאון איבערבאויפבלי איניציאטיוו און NY פארווערטס, האט די סטעיט יעצט אינוועסטירט א פאראייניגטע סומע

פון $1.2 ביליאן אין יידע פראגראמען זינט זייער שאפונג, סערווירנדיג 124 דאונטאון קאמיוניטיס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן